33 וועלט· דערפאַר, ברידער מיינע, ווען איר קומט
זיך צונויף צו עסן; וואַרט איינער אויף דעם אַנדערן·
34 און אויב עמיצער איז הונגעריק, זאָל ער עסן
אינדערהיים, כדי איר זאָלט זיך נישט צוזאַמענ־
קומען צו אַ משפּט· און דאָס איבריקע וועל איך
מתקן זיין, ווי נאָר איך וועל קומען·

## קאַפּיטל צוועלף

1 און וואָס שייך (מתנות) פונם גייסט, ברידער,
2 וויל איך נישט, איר זאָלט זיין אומוויסנדי· איר
ווייסט (דאָך), אַז ווען איר זענט געווען גוים, ווי
איר האָט זיך געלאָזט פירן צו שטומע אָפּגעטער,
3 און מען האָט אייך געפירט· דערפאַר לאָז איך אייך
וויסן, אַז קיינער, וועלכער רעדט דורך ג־טס גייסט,
זאָגט נישט: פאַרפלוכט זאָל זיין ישוע; און קיינער
קען נישט זאָגן: ישוע איז האַר, אַ חוץ דורך דעם
רוח הקודש·
4 די מתנות אָבער זענען פאַרשיידן, נאָר דער
5 גייסט איז דער זעלביקער· און די עבודות זענען
פאַרשיידן, דאָך איז עס דער זעלביקער האַר·
6 און די ווירקונגען, זענען פאַרשיידן אָבער דער
זעלביקער ג־ט, וועלכער ווירקט אַלץ אין אַלעם·
7 יעדן איינעם אָבער ווערט געגעבן די אַנטפּלעקונג
8 פון דעם רוח (הקודש) צום נוצן· וואָרום איינעם
ווערט געגעבן דורך דעם גייסט אַ וואָרט פון חכמה;
און אַן אַנדערן אַ וואָרט פון דערקענטעניש, לויט
9 דעם זעלביקן גייסט; אַן אַנדערן אמונה אין דעם
זעלביקן גייסט; און אַן אַנדערן מתנות פון רפואות,
10 דורך דעם איינעם גייסט; און אַן אַנדערן צו
טון וואונדער; און אַן אַנדערן, נבואה; און אַן